בעזרת השם יתברך

קונטרס

# לשון קדשו

דברות קודש של כ"ק מרן אדמו"ר רבן של ישראל

מרן **יואל טייטלבוים** זללה"ה

**אבדק"ק סאטמאר יע"א**

מסיבה לטובת המוסדות בבארא פארק

## א' שמות תשכ"א

ובתוכו יתבאר חשיבות ונחיצות חינוך "הבנות"

- וַיַּעַשׂ לָהֶם בָּתִּים: שקנו ובנו בָּתִּים לחינוך הילדים כפי הצורך
- אין רשעים מצליחים בגזירה על ישראל רק כשיש שותפים מִכֶּם וּבָכֶם
- כשמקבלים להחזיק החינוך משפיע הקב"ה השפעה גדולה וַיַּעַצְמוּ מְאֹד
- בזכות החזקת החינוך, יש חלק בכל המצוות שיעשו הנערים כשיגדלו

נעתקו בלשון אידיש

**בהוספת ביאורים והערות**

**להבנת הענין**

שנת תשע"ח לפ"ק

KolSatmar.com

יצא לאור ע״י
**מערכת ״לשון קדשו״**
מאנטריאל קאנאדא

1-514-585-3040

**קונטרס 48**

195

# לשמיעת הדברות קודש:

**1-718-298-4641** (בארץ ישראל) **072-3333419**
(פון אייראפע 972-72-3333419+)

צו הערן די תורה **מסיבה א׳ שמות תשכ״א**

דרוקט: **#→1→21→1→2→6→1** (דרוקט אלע נומערן אינאיינעם)

(29 מינוט) אביסל קלאָר

# זכות הקונטרס

נתנדב ע״י הרבני הנגיד הנכבד והמפואר
רחים ומוקיר רבנן ואיהי גופא צורבא מרבנן

**הרה״ח רבי אליעזר קעסטנבוים שליט״א**

נשיא ופטרון כולל ״דמשק אליעזר״

זכות רביה״ק זי״ע יגן בעדו להתברך ממקור הברכה, ויזכה להמשיך במעשיו הכבירים לטובת הכלל והפרט, ולראות רב נחת דקדושה מכל יוצ״ח

KolSatmar.com

א

# פרשת מְיַלְּדוֹת הָעִבְרִיֹּת

ס׳שטייט אין די וואָכעדיגע סדרה:

וַיִּקְרָא מֶלֶךְ מִצְרַיִם, דער מלך מצרים האָט גערופן, לַמְיַלְּדֹת הָעִבְרִיֹּת, ער האָט גערופן די אידישע הייבאַמס, וַיֹּאמֶר לָהֶן, ער האָט זיי געזאָגט: בְּיַלֶּדְכֶן אֶת הָעִבְרִיּוֹת, ווען ס׳האַלטן ביים געבאָרן ווערן די אידישע קינדער, וּרְאִיתֶן עַל הָאָבְנָיִם, זאָלט איר קוקן אויפ׳ן פלאַץ, אִם בֵּן הוּא איז חלילה ״אַזוי ווי ס׳שטייט ער האָט זיי אָנגעזאָגט״[א], וְאִם בַּת הִוא, אַז ס׳וועט זיין אַ טאָכטער, וָחָיָה, זאָלט איר זי לאָזן לעבן.

וַתִּירֶאןָ הַמְיַלְּדֹת אֶת הָאֱלֹקִים, די מילדות האָבן זיך געפאָרכטן פאַר׳ן באַשעפער, וְלֹא עָשׂוּ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֲלֵיהֶן מֶלֶךְ מִצְרָיִם, און זיי האָבן נישט אַזוי געטוהן אַזוי ווי דער מלך מצרים האָט זיי אָנגעזאָגט, נאָר וואָס׳זשע דען וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים, זיי האָבן געלאָזט לעבן די אידישע קינדער.

דערנאָך האָט זיי דער מלך געפרעגט: מַדּוּעַ עֲשִׂיתֶן הַדָּבָר הַזֶּה [וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים]?, ער האָט געהאַט טענות.

האָבן זיי געענטפערט: כִּי לֹא כַנָּשִׁים הַמִּצְרִיֹּת הָעִבְרִיֹּת [כִּי חָיוֹת הֵנָּה] בְּטֶרֶם תָּבוֹא אֲלֵהֶן הַמְיַלֶּדֶת וְיָלָדוּ. און אַזוי ווי ס׳איז מבואר דערנאָך דעם גאַנצן פסוק.

מילא דאַרף מען פאַרשטיין אַסאַך.

און ווי ער דערציילט אַז וַיֵּיטֶב אֱלֹקִים לַמְיַלְּדֹת, דער בורא כל עולמים האָט זיי געטוהן גוטס, וַיִּרֶב הָעָם, דאָס פאָלק איז נִתְרַבֶּה געוואָרן, וַיַּעַצְמוּ מְאֹד, זיי זענען געשטאַרקט געוואָרן, וַיְהִי כִּי יָרְאוּ הַמְיַלְּדֹת אֶת הָאֱלֹקִים וַיַּעַשׂ לָהֶם בָּתִּים.

ב

## קושיות ודיוקים

[טו וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ מִצְרַיִם לַמְיַלְּדֹת הָעִבְרִיֹּת אֲשֶׁר שֵׁם הָאַחַת שִׁפְרָה וְשֵׁם הַשֵּׁנִית פּוּעָה: טז וַיֹּאמֶר בְּיַלֶּדְכֶן אֶת הָעִבְרִיּוֹת וּרְאִיתֶן עַל הָאָבְנָיִם אִם בֵּן הוּא וַהֲמִתֶּן אֹתוֹ וְאִם בַּת הִיא וָחָיָה:]

### קושיא א:

קושית האור החיים הקדוש: ״אִם בַּת הִיא וָחָיָה״ מיותר ומובן מאליו, כי לא גָזַר רק על הזכרים

לאָמיר זען.

א) דער אור החיים הקדוש פאַרוואונדערט זיך, פאַרוואָס האָט ער עפּעס געדאַרפט אָנזאָגן אִם בַּת הִוא וָחָיָה?

אמת די גזירה האָט מען נישט געמאַכט [על הבנות], דער עיקר איז - האָט ער געמאַכט די גזירה - אויף קינדער, אויף זוהנען.

אַזוי ווי ס׳שטייט[ב] ער האָט געהערט אַז ס׳דאַרף נולד זיין מושיען של ישראל, די אצטגנונים האָבן געזאָגט ס׳דאַרף געבוירן ווערן דער וואָס ס׳וועט העלפן

---

[א] כדרכו של רבינו זי״ע נזהר בלשונו מלהוציא הדיבור ״וַהֲמִתֶּן אֹתוֹ״, וכן לקמן מזכיר רק ברמז.

[ב] ברש״י (סוטה יב.) דרש רבי תנחומא, יום שנולד משה אמרו איצטגניניו היום נולד מושיען של ישראל וכו׳ ועמד וקיבץ כל עמו ובקש מהן ליתן לו הנולדים בו ביום. וכן הוא ברש״י על התורה (א, כב)

KolSatmar.com

אידן, האָט ער זיי געהייסן טאָן ׳וואָס ער האָט געקלערט׳, אויף די טעכטער האָט ער נישט געהאַט קיין אינטערעסע, איז רעכט [שלא גָּזַר על הבנות].

[אָבער] פאַרוואָס האָט ער געדאַרפט אָנזאָגן אִם בַּת הִוא וָחָיָה, און ווען ער זאָגט נאָר ״אִם בֵּן הוּא וַהֲמִתֶּן״ האָבן זיי דאָך אַליין געוואוסט [להחיות הבנות], מ׳האָט זיי נישט געהייסן נאָר אויף די זוהן, העטן זיי אַליין גיוועןן געוואוסט?.

ובודאי לא דאג פרעה שלא יעשו טעות להרוג ח״ו הבנות?

[ואם תאמר שֶׁחָשַׁשׁ] טאָמער וועלן זיי זיך טועה זיין [להמית גם הבנות], וואָס איז עס זיין עֵסֶק?, עפּעס אַן אוהב ישראל איז ער געווען [שֶׁדָּאַג] אַז מ׳זאָל זיך נישט טועה זיין און בחנם טאָן פאַר אַ אידישע טאָכטער, [ולכן חשש להזהיר] אַז מ׳דאַרף נאָר די זוהן?, דאָס איז ער דאָך אודאי נישט געווען, נו פאַרוואָס האָט אים אינטערסירט ער זאָל זיי אַרויסזאָגן ״וְאִם בַּת הִוא וָחָיָה״.

באור החיים הקדוש מתרץ: שחשש שיתוודע הדבר והנשים לא יקראו אותם עוד

דער אור החיים הקדוש וויל זאָגן[ג], ווייל אַז נישט [אם לא ישאירו הבנות בחיים], האָט ער מורא געהאַט וועט מען זיי נישט רופן קיינער [שהיולדות לא יקראו את המילדות, בהבחינם שהם הורגים כל הוולדות], אַז זיי לאָזן גאָרנישט איבער [בחיים], אַזוי זאָגט דער אור החיים הקדוש.

און דערנאָך זענען זיי געווען איינגעשטעלט.

[ומכל מקום עדיין צ״ב] פאַרוואָס האָט ער געדאַרפט אָנזאָגן אִם בַּת הִוא וָחָיָה [והלא גם מעצמן לא יעשו יותר מהנגזר עליהן].

**ג**

[יז וַתִּירֶאןָ הַמְיַלְּדֹת אֶת הָאֱלֹקִים וְלֹא עָשׂוּ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֲלֵיהֶן מֶלֶךְ מִצְרָיִם וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים:
יח וַיִּקְרָא מֶלֶךְ מִצְרַיִם לַמְיַלְּדֹת וַיֹּאמֶר לָהֶן מַדּוּעַ עֲשִׂיתֶן הַדָּבָר הַזֶּה וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים:
יט וַתֹּאמַרְןָ הַמְיַלְּדֹת אֶל פַּרְעֹה כִּי לֹא כַנָּשִׁים הַמִּצְרִיֹּת הָעִבְרִיֹּת כִּי חָיוֹת הֵנָּה בְּטֶרֶם תָּבוֹא אֲלֵהֶן הַמְיַלֶּדֶת וְיָלָדוּ:]

**קושיא ב**

בגמרא, שפרעה תבען לדבר עבירה, וצ״ב כוונת פרעה בזה, ומה שייך להגזירה

**ב) וְלֹא עָשׂוּ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֲלֵיהֶן מֶלֶךְ מִצְרָיִם.** חכמינו ז״ל דרש׳נען (סוטה יא:) כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֲלֵיהֶן, ער האָט זיי תובע געווען [לדבר עבירה], און זיי האָבן אים נישט געפאָלגט.

ברויך מען אויך צו פאַרשטיין ווי קומט דאָס אַהער, ווי קומט דאָס צו דער גזירה, ס׳איז אַן עקסטערע זאַך פון דעם פרעה אַז ער איז געווען אַזאַ רשע [ונתכוון לדבר עבירה].

---

[ג] **באור החיים הקדוש** (א, טז) וז״ל, וַיֹּאמֶר וגו׳ וּרְאִיתֶן על וגו׳ צריך לדעת לאיזה ענין רְאִיָּה זו ... עוד למה הוצרך לומר וְאִם בַּת הִיא וָחָיָה, כיון שפרעה לא גזר אלא על הזכרים, פשיטא שלא יבקשו המילדות לעקור את הכל. אכן רשע זה נִתְחַכֵּם כדי שתעלה בידו העצה, כי מי זאת האשה אשר תזמין עצמה למילדת להרוג בניה, לזה נִתְחַכֵּם ואמר להם שיתנהגו בסדר זה ויעשו בְּהֶעְלֵם דָּבָר ולא ירגישו היולדות ... ואומרו וְאִם בַּת הִיא וגו׳, נתכוון גם כן בזה כדי שבאמצעות ענין זה לא ירגישו בַּדָּבָר הנשים היולדות, כשיראו שלפעמים ולדותיהן מתקיימין לא יחשדו במילדות, והם לא יבחינו כי הורגים הזכרים ולא הנקבות, ואולי שצוה עליהן לבל יודיעו הזכר אלא יאמרו שהנולד נולד מת, שבאמצעות כן יִסָּתֵר החשד, ובזה נתיישבו כל הדקדוקים.

KolSatmar.com

ד

### קושיא ג

גם מצד הטבע אין סברא לתבוע לילדה קטנה ולזקינה

ג) און דערנאָך זי [יוכבד] איז דאָך געווען אַ זקינה שוין גאָר[ד] [ק״ל שנים], און זי [מרים] איז געווען אינגאַנצן געווען פינף יאָר[ה], - זיי זענען געווען נביאות - און זי איז געווען אַ זקינה שוין גאָר אויף דער עלטער, דאָס גאַנצע איז נישט צו פאַרשטיין.

ה

סיום קושיא ב

אָבער ווי קומט עס נאָך אַהער אין דעם פסוק, דער פסוק זאָגט אַז ער האָט געזאָגט אַ גזירה [אִם בֵּן הוּא וגו׳], וואָס עפּעס [מזכיר בכאן הכתוב שלא עשו דבר העבירה אשר דיבר אליהן מלך מצרים]? וואָס מישט ער אויס די צוויי זאַכן?.

ו

### קושיא ד

מייתור וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים [בפסוק יז] דרשו שהספיקו מים ומזון. וכן הכוונה [בפסוק יח] כששאל פרעה מַדּוּעַ וגו׳ וַתְּחַיֶּיןָ, ואם כן צריך ביאור מהו התירוץ ״כִּי לֹא כַנָּשִׁים הַמִּצְרִיֹּת הָעִבְרִיֹּת״?

[וְלֹא עָשׂוּ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֲלֵיהֶן מֶלֶךְ מִצְרָיִם] **וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים** [פסוק יז].

זאָגט די גמרא (סוטה יא:) **לֹא דַּי** זיי האָבן אים נישט געפאָלגט זיי זאָלן דורכפירן חלילה די ביטערע גזירה, זיי האָבן נאָך געטוהן מער, זיי האָבן נאָך מְסַפְּקוֹת געווען מַיִם וּמָזוֹן, זיי האָבן זיי נאָך גענֶעהרְט.

און רש״י אין סוטה זאָגט נאָך מער[ו], זיי האָבן זיי גענומען און זיי האָבן זיי באַהאַלטן ביי זיך אין שטוב.

וואָרן ער האָט דאָך געזוכט נאָך [אחר הבנים, וכמו שמצינו אצל משה] וְלֹא יָכְלָה עוֹד הַצְּפִינוֹ, מ׳האָט דאָך געזוכט דערנאָך קינדער, און זיי האָבן זיי גאָר באַהאַלטן ביי זיך.

ד) דאַרף מען צו פאַרשטיין, ווען פרעה האָט געפרעגט [פסוק יח] מַדּוּעַ עֲשִׂיתֶן הַדָּבָר הַזֶּה ״וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים״, שטייט דאָך אויכעט איבריג, וואָרן אַז זיי האָבן נישט אַזוי געטוהן [כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֲלֵיהֶן], ווייס איך דאָך שוין אַז וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים.

נאָר אַז איך טייטש דאָס איבריגע לשון ״וַתְּחַיֶּיןָ״ [בפסוק יז] אַז נישט נאָר זיי האָבן נישט אַזוי געטוהן נאָר זיי האָבן זיי נאָך ״אויפגעהאַלטן״, נו איז דאָך אין די קשיא [של פרעה בפסוק יח] אויך דאָס זעלבע, פאַרוואָס האָט עטץ דאָרט געטוהן אַזוינס וַתְּחַיֶּיןָ [מלשון אויפגעהאַלטן] אֶת הַיְלָדִים.

[ואם כן צ״ב] נו וואָס האָבן זיי געענטפערט **כִּי לֹא כַנָּשִׁים הַמִּצְרִיֹּת הָעִבְרִיֹּת כִּי חָיוֹת הֵנָּה בְּטֶרֶם תָּבוֹא אֲלֵהֶן הַמְיַלֶּדֶת וְיָלָדוּ**, נו איז רעכט האָבן זיי נישט געקאָנט דורכפירן ׳דעם פלאַן׳ [אִם בֵּן הוּא וגו׳], אָבער וואָס האָבן זיי נאָך געהאַט נאָך צו

---

[ד] בסוטה (יב.) וַיֵּלֶךְ אִישׁ מִבֵּית לֵוִי וַיִּקַּח אֶת בַּת לֵוִי, בת מאה ושלשים שנה הויא וקרי לה בת? דאמר רבי חמא ברבי חנינא: זו יוכבד. ובפירש״י שם מפרש חשבון הק״ל שנה.

[ה] במדרש (שמו״ר א, יג) ויאמר מלך מצרים למילדת. מי הם? רב אמר: כלה וחמותה וכו׳. ושמואל בר נחמן אמר, אשה ובתה, יוכבד ומרים. ולא היו למרים אלא חמש שנים.

[ו] בפירש״י (סוטה שם ד״ה ותחיין), הוה ליה למיכתב ״ולא המיתו״ הילדים, וַתְּחַיֶּיןָ משמע שהיו מסייעין להחיותן, שהיו טומנות אותן בבתיהן ומגדלות אותם.

KolSatmar.com

געבן זיי מים ומזון און זיי באַהאַלטן ביי זיך אין שטוב, אויף דעם איז דאָס קיין תירוץ נישט געווען, ס׳שטייט נישט קיין תירוץ, דער פסוק זאָגט נישט קיין תירוץ.

ז

קושיא ה

בְּטֶרֶם תָּבוֹא אֲלֵהֶן הַמְיַלֶּדֶת וְיָלָדוּ, קשה הלא המציאות הוא שגם בנ״י צריכין מילדות?

ה) די גאַנצע זאַך **בְּטֶרֶם תָּבוֹא אֲלֵהֶן הַמְיַלֶּדֶת וְיָלָדוּ**, ווי האָבן זיי געקענט אַזוינס זאָגן, אַז זיי [נָשִׁים הָעִבְרִיּת] דאַרפן גאָרנישט אָנקומען [למילדות], זיי ברויכן גאָרנישט קיין הייבאַם, נו וואָס דען זענען זיי געווען מילדות, זיי האָבן געקענט מכחיש זיין דעם חוש ? !, איז דען אַזוי געווען ? !, זיי זענען דאָך געווען מילדות העבריות, שִׁפְרָה ופּוּעָה איז דאָך טייטש [כפירש״י שִׁפְרָה על שם] שֶׁמְשַׁפֶּרֶת הולד, [פּוּעָה על שם] שפּוֹעָה לולד [שמדברת לולד, כדרך הנשים המפייסות תינוק הבוכה], איז דאָך [יאָ] געווען מילדות.

ח

קושיא ו

ומה הוא הוספת טעם כִּי חָיוֹת הֵנָּה שנמשלו לחיות, וכי מפני זה לא צריכין מילדות?

און דערנאָך וואָס איז דער **כִּי חָיוֹת הֵנָּה?** [ופירש״י, הרי הן מְשׁוּלוֹת לחיות השדה, שאינן צריכות מילדות. והיכן מְשׁוּלוֹת לחיות, גּוּר אַרְיֵה וכו׳].

ו) [וצ״ב וכי] איבערדעם ווייל זענען אַזוי ווי חַיּוֹת דאַרף מען שוין נישט בטבע - דאַרף מען נישט - קיין מילדות ?, מ׳קאָן עפּעס דאָס מציאות מכחיש זיין ? !.

ט

קושיא ז

גראָד נאָך דעם שטייט: **וַיֵּיטֶב אֱלֹקִים לַמְיַלְּדֹת וַיִּרֶב הָעָם וַיַּעַצְמוּ מְאֹד, וַיְהִי כִּי יָרְאוּ הַמְיַלְּדֹת אֶת הָאֱלֹקִים**, זיי האָבן זיך געפאָרכטן פאַר׳ן אייבירשטען, **וַיַּעַשׂ לָהֶם בָּתִּים.**

ויעש להם בתים: נחלקו בגמרא אי קאי על בתי כהונה או בתי מלכות,
וצ״ב פלוגתתם, הלא לכולי עלמא תרווייהו יצאו מהם

ז) אין די **גמרא**[י] אין סוטה איז אַ פלוגתא רב מיט שמואל׳ן. רב זאָגט, ער האָט זיי געמאַכט **בתי כהונה**, משה ואהרן איז אַרויס געקומען פון זיי דורך דעם זכות וואָס זיי האָבן אויפגעהאַלטן אידישע קינדער. און איין מאן דאמר זאָגט, **בתי מלכות**, דוד המלך איז געקומען פון מרים׳ן.

צ״ב במאי קא מיפלגי רב ושמואל, והלא במציאות אי אפשר לחלוק שיצא מהם בתי כהונה לויה ומלכות?

ברויך מען צו פאַרשטיין די פלוגתא.

קיינער קריגט [דאָך] נישט [במציאות], יעדער איז מודה אַז זיי זענען אַלע אַרויסגעקומען פון זיי, משה ואהרן איז אַרויסגעקומען פון זיי [מיוכבד], און דוד המלך איז אַרויסגעקומען פון מרים׳ן, אויפ׳ן מציאות קריגט מען דאָך נישט, אין די [השתלשלות ה]דורות זעט מען דאָך, איז דאָך לכל הדיעות זענען זיי ביידע אַרויסגעקומען, נו וואָס קריגט עפּעס דער זאָגט אַז ״משה ואהרן״ איז

[י] בגמרא (סוטה יא:) בָּתִּים. רב ושמואל, חד אמר בתי כהונה ולויה, וחד אמר, בתי מלכות. מאן דאמר בתי כהונה ולויה, אהרן ומשה; ומאן דאמר בתי מלכות, דוד נמי ממרים קאתי.

KolSatmar.com

אַרויסגעקומען [מן יוכבד], און דער זאָגט [אַז פון] מרים איז אַרויסגעקומען [״דוד המלך״], זענען דאָךביידע אַרויסגעקומען פון זיי, נו פאַרוואָס דעמאָלטס זאָגן זיי נישט [אַז] ביידע, [שיאמרו תרוייהו דכוונת הפסוק הן על בתי כהונה והן על בתי מלכות].

[והלא הכלל הוא] ווען זיי זאָגן [חד אמר וכו׳ וחד אמר] אַז דער יאָ און דער נישט, קריגן זיי אַ מחלוקה.

ווי קען מען קריגן אַ זאַך וואָס ס׳איז אמת פון ביידע דיעות, אלו ואלו דברי אלקים חיים אָפען, נו וואָס זאָגט עפּעס דער [מאן דאמר] אויף משה ואהרן [וחד מאן דאמר על דוד המלך].

י

קושיא ח

להבין פירוש הפשוט של וַיַּעַשׂ לָהֶם בָּתִּים

ח) אין אמת׳ן אַריין אין **וַיַּעַשׂ לָהֶם בָּתִּים** שטייט גאָרנישט, [רק סתם] **בָּתִּים**, הייזער, ס׳שטייט נישט וואָס, וואָסערע הייזער.

איז נישט [דאָ] קיין רמז אין דער תורה הקדושה, צי איז דאָס כְּהוּנָה צי איז דאָס לְוִיָּה צי איז דאָס מַלְכוּת.

סתם הייזער קאָן זיין חלילה פאַרקערט אויך חלילה נישט קיין גוטע הייזער אויך. [ויתכן לפרש גם כפשוטו] סתם בתים, [ומאן יימר זיי זענען] נישט געווען קיין ״ריעל עסטעיט״ סוחרים, אַז זיי האָבן געמאַכט אַסאַך הייזער.

[והלא כתיב סתם] וַיַּעַשׂ לָהֶם בָּתִּים און ס׳שטייט נישט וואָס און ווען, נו וואָס די תורה הקדושה זאָגט סתם וַיַּעַשׂ לָהֶם בָּתִּים, [צריך ביאור איך לפרשו כפשוטו]?

יא

קושיא ט: (מתוך הדרוש)

במדרש כי ההטבה היתה שקיבל פרעה דבריהם, וצ״ב הכוונה

ט) [וַיֵּיטֶב אֱלֹקִים לַמְיַלְּדֹת. איתא **במדרש** (שמו״ר א, טז) וַיֵּיטֶב אֱלֹקִים לַמְיַלְּדֹת, מה היה הטובה הזאת? שקיבל דבריהם מלך מצרים ולא הזיק להן, עכ״ל. וצ״ב הכוונה ״שקיבל דבריהם״]. (הקושיא והביאור בלשון רבינו לקמן אות לד)

יב

# ביאורים בפרשת השבוע

הקדמות מספר ישמח משה: בביאור קושיא ח - ובנוגע החזקת החינוך

דער זיידע זכרונו לברכה אין **ישמח משה**, זאָגט ער [לבאר קושיא ח] אין ׳דרך הפשט׳ [בפסוק] וַיַּעַשׂ לָהֶם בָּתִּים.

קושיית הישמח משה, למה מפסיק הפסוק לומר וַיִּרֶב הָעָם וַיַּעַצְמוּ מְאֹד, באמצע סיפור טובת המילדות

אַ פלא, קודם דער פסוק איז דאָך שווער, ס׳שטייט [בפסוק כ] **וַיֵּיטֶב אֱלֹקִים** ״לַמְיַלְּדֹת״, הייבט דאָ אָן דער פסוק צו דערציילן אַז דער בורא כל עולמים האָט זיי געטוהן גוטס פאַר די ״מילדות״.

[ומה היה הטובה], לכאורה שטייט דאָך עס הערשט ווייטער [בסוף פסוק כא] ביי וַיַּעַשׂ ״לָהֶם״ בָּתִּים.

KolSatmar.com

[ובפסוק כ מפסיק הענין] און גייט צוריק צום פאָלק **וַיִּרֶב ״הָעָם״ וַיַּעַצְמוּ מְאֹד.**

[וצ״ב] פאַרוואָס האַקט ער עפּעס איבער?.

ער דאַרף דערציילן [כסדר השתלשלות הענינים], אַז זיי האָבן איבערגעלאָזט [את הילדים בחיים], און **וַיִּרֶב ״הָעָם״ וַיַּעַצְמוּ מְאֹד** [ורק אח״כ יאמר] און דורכדעם איז געוועזן **וַיֵּיטֶב אֱלֹקִים לַמְיַלְּדֹת** [ותיכף יזכיר הטובה] **וַיַּעַשׂ לָהֶם בָּתִּים.**

וואָס האַקט ער איבער [באמצע טובת ״המילדות״], ער שמועסט קודם פונעם ״פאָלק״ [און] נאָכדעם גייט ער צוריק [להמילדות, ואומר] וַיְהִי כִּי יָרְאוּ הַמְיַלְּדֹת אֶת הָאֱלֹקִים וַיַּעַשׂ לָהֶם בָּתִּים?

### יג

ומפרש הישמח משה שהשי״ת סיפק להם בתים ״כפשוטו״, שיהיה להם מקומות לגדל את כל הילדים

טוט ער אויף[ח], זאָגט ער אַז זיי האָבן גענומען ׳אַלע׳ אידישע קינדער און באַהאַלטן ביי זיך [בביתם], און זיי האָבן זיי געגעבן לחם ומזון.

נו דאָס איז דאָך פאַר׳ן ׳גאַנצן׳ כלל ישראל, זענען זיי דען בכח געוועזן?, פון וואו האָבן זיי דאָס געקענט?

**נאָר דער בורא כל עולמים האָט זיי געגעבן השפעה! אַז זיי האָבן אַזוינס געטוהן.**

**אַז מ׳האַלט אויף אידישע קינדער, גיט דער בורא כל עולמים השפעה וואָס מ׳רעכט זיך נישט, און מ׳קען אויפהאַלטן!**

**און ווי מער ס׳ווערט נִתְרַבֶּה, ווערט דאָך מער הוצאות, גיט דער בורא כל עולמים כח און שטאַרקייט, אַז מ׳קען עס דורכפירן!.**

### יד

וביאור הכתוב: וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים שהיו מגדלות אותן בבתיהן, וַיֵּיטֶב אֱלֹקִים לַמְיַלְּדֹת, שהיה להם השפעה גדולה, כי אף שהיה וַיִּרֶב הָעָם שנתרבו מאוד, מ״מ וַיַּעַצְמוּ המילדות וגו׳, וַיַּעַשׂ לָהֶם בָּתִּים, שקנו ובנו בתים כפי הצורך

**זאָגט ער דאָס איז דער פשט אין פסוק.**

**זיי האָבן וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים, זיי האָבן זיי געהאַלטן אין שטוב, נו וויאַזוי האָבן זיי געקענט, זאָגט ער וַיֵּיטֶב אֱלֹקִים לַמְיַלְּדֹת, דער בורא כל עולמים האָט זיי געגעבן אַ גרויסע השפעה וואָס זיי האָבן זיך גאָרנישט גערעכט** [=גערעכטן, כי על אף] **ס׳איז געוועזן גאָר וַיִּרֶב הָעָם, ס׳איז נִתְרַבֶּה געוואָרן אידישע קינדער, ס׳איז געוואָרן אַסאַך קינדער, פונדעסטוועגן וַיַּעַצְמוּ מְאֹד זענען זיי** [המילדות] **שטאַרק**

---

[ח] **בישמח משה** (בד״ה וייטב). וז״ל, ותחיין את הילדים, פירש רש״י שהיו מספקות להם מים ומזון. והנה מבואר בפירש״י בסוטה (יא:) ותחיין את הילדים, משמע שהיו מסייעין להחיותן, שהיו טומנות אותן בבתיהן ומגדלין אותן, עכ״ל. ויובן דהיה קשה לרש״י מה ענין הספקת מים ומזון לגזירת פרעה, והנה הדעת נותן כי יותר שמתרבין הילדים, הם יותר מתדלדלים כי לא יספיק להם כל הון, אבל זה היה מהשגחת השי״ת להשגיח עליהם ולהשפיע להם ברכה, וכל מה שהיו יותר מפזרין לריבוי הילדים, היו יותר מתעשרין על דרך יֵשׁ מְפַזֵּר וְנוֹסָף עוֹד (משלי יא, כד). והיינו וַיֵּיטֶב אֱלֹקִים לַמְיַלְּדֹת כל כך, עד שאפילו וַיִּרֶב הָעָם והיה ראוי שיתדלדלו מרוב הפיזור, עם כל זה לא כן היה אלא אדרבא ויעצמו מאד בעושר, ואם כן הכל מאמר אחד, והאי ויעצמו קאי על המילדות ולא קשה מידי. ועל פי זה יתפרש קרא דבתריה וַיְהִי כִּי יָרְאוּ הַמְיַלְּדֹת אֶת הָאֱלֹקִים, דהיינו כמבואר למעלה שהיו טומנין אותן בבתיהם, ואם כן היו צריכין לבתים ולחדרים רבים, וַיַּעַשׂ לָהֶם בָּתִּים קאי על אלקים, דהיינו שהשי״ת עשה להם בָּתִּים, שהשפיע להם שלא כדרך הטבע עד שקנו ובנו בתים כפי הצריך להם, כן נראה לי נכון בס״ד.

KolSatmar.com

געוואָרן, און זיי האָבן עס געקענט דורכפירן, דאָס איז די הַטָּבָה [וַיַּעַצְמוּ מְאֹד], ער שמועסט היצטערט [גם כן מהמילדות], דאָס קער צו זייער הַטָּבָה.

עקסטערדעם זאָגט ער, וַיְהִי כִּי יָרְאוּ הַמְיַלְּדֹת אֶת הָאֱלֹקִים [ונטלו על עצמם לגדל כל כך ילדים], אויף דעם [נשאלת השאלה], וואו האָט מען גענומען **אַזויפיל הייזער, אַזויפיל וואוינונגען, מ׳זאָל קאָנען אויפהאַלטן אַזויפיל קינדער?**.

זאָגט ער **וַיַּעַשׂ לָהֶם בָּתִּים!**

דער בורא כל עולמים האָט זיי משפיע געווען אַז זיי האָבן געהאַט גענוג הייזער. זיי האָבן געטראָפן די געלעגנהייט, **זיי האָבן געהאַט גענוג ׳לאָקאַלן׳ מ׳זאָל קענען אויפהאַלטן** [כל הילדים]. אַזוי שטייט אין ישמח משה.

### טו

ס׳איז אַ פלא דאָס ענין.

איך האָב געזאָגט [=געטראַכט, דדברי הישמח משה] דאָס פּאַסט פונקט פאַר באָראָ פּאַרק, די גאַנצע זאַך טאַקע פונקט אַזוי ווי ס׳שטייט [בישמח משה, כי אנו צריכין לברכת] וַיַּעַשׂ לָהֶם בָּתִּים, מ׳דאַרף האָבן הייזער [ובנינים לטובת המוסדות, כי ב״ה] ס׳ווערט נִתְרַבֶּה [הילדים בלי עין הרע, והשאלה נשאלת] פון וואו וועט מען נעמען [בנינים]?

דער בורא כל עולמים זאָל העלפן, ס׳זאָל טאַקע זיין וַיֵּיטֶב אֱלֹקִים לַמְיַלְּדֹת, **אַז מ׳זאָל גלייבן, אַז דאָס וואָס מ׳גיט אויס אויף דעם, דאָס גיט דער בורא כל עולמים** [צוריק].

און ס׳זאָל זיין וַיִּרֶב הָעָם, און מ׳זאָל ׳נאָך׳ ברויכן.

און ס׳זאָל זיין וַיַּעַצְמוּ [שיהיו הכוחות לזה].

ווי דער מנהל האָט געזאָגט אַז ס׳איז .. און ס׳האָט אַ שֵׁם [טוב], און ס׳איז לעולם טאַקע אַזוי. אָבער דאָס איז דער אמת, מ׳דאַרף נאָר וויסן, **אַז דאָס גיט השפעה און דורכדעם האָט מען.**

### טז
## בישמח משה: על ידי שֶׁגִּדְּלוּ וְחִנְּכוּ הילדים נעשו עצומים במצות

**אין ישמח משה שטייט נאָך מער**[ט] [באופן אחר], **וַיִּרֶב הָעָם וַיַּעַצְמוּ מְאֹד, ״ויעצמו מאוד״ איז פאַרהאַנדן אַן עשירות אין מצות און מעשים טובים.**

גיט ער אַ זאָג: אַז זיי האָבן אויפגעהאַלטן די אַלע קינדער איז פון די אויסגעוואַקסן אידישע דורות, די האָבן דאָך געטוהן זייער אַסאַך מצות ומעשים טובים, **די אַלע מצות ומעשים טובים זענען געווען גערעכנט פאַר זיי, פאַר די**

[ט] בישמח משה (בד״ה וייטב בא״ד) וז״ל, והנה כאן כתיב וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים, ופירש רש״י שהיו מספקות להם מים ומזון, אם כן כל המצות שעשו אותן הילדים אחר שגדלו והצליחו ועשו פרי, נחשב למילדות כאלו עשו הם ונתעצמו המילדות במצות ומעשים טובים הרבה מכח הילדים וכו׳. וזה שאמר וַיֵּיטֶב אֱלֹקִים לַמְיַלְּדֹת, שעשה אותן טובים במה שלא עשו הם כלל, וַיִּרֶב הָעָם, ועל ידי זה שנתרבו מאד, וַיַּעַצְמוּ המילדות בזכיות ומעשים טובים מאד, (כמו שמצינו עֲצוּמָה גם כן על מעשים טובים וזכיות, כמו כִּי עָצוּם עֹשֵׂה דְבָרוֹ (יואל ב, יא)), שכל טוב שעשה אחד מהם, נחשב כאלו עשו המילדות דהם קיימו אותן בחייהם, וגם הספיקו להם מים ומזון וגרמו לאותן מעשים טובים, ועיי״ש יותר באריכות.

KolSatmar.com

מילדות, וואָרן אַז מ׳האַלט אויף קינדער און די וואַקסן אויף, איז די אַלע מצות ומעשים טובים [נחשב לזכותם של המגדלים אותם].

אַזוי שטייט אויך אין ישמח משה טאַקע דאָרטן דערנעבן.

ומפרש הישמח משה: וַיֵּיטֶב אֱלֹקִים לַמְיַלְּדֹת, ומה היה ההטבה? וַיִּרֶב הָעָם, שנתרבה העם, ועל ידי זה וַיַּעַצְמוּ המילדות מְאֹד במצות ומעשים טובים, כי הכל נחשב לזכותם

איבערדעם זאָגט ער, ׳וַיֵּיטֶב׳ אֱלֹקִים לַמְיַלְּדֹת, אַז איבערדעם וואָס ס׳איז וַיִּרֶב הָעָם איז געווען ״וַיַּעַצְמוּ מְאֹד״, זענען זיי שטאַרק געוואָרן זיי האָבן באַקומען אַסאַך מצות און מעשים טובים, וואָרן די אַלע קינדער וואָס זיי האָבן מְחַיֶּה געווען און זיי האָבן זיי דערהאַלטן ביים לעבן, און זיי האָבן זיי ערצויגן, און זיי האָבן זיי געריכטעט [=שכיוונו אותם לדרך הישר], דורכדעם איז הערשט געוואָרן, האָבן זיי הערשט באַקומען אַסאַך מצות ומעשים טובים.

אַזוי שטייט אין די וואָכעדיגע סדרה דאָ אין ישמח משה.

**יז**

**זעט מען עד היכן הדברים מגיעין, ווי ווייט מ׳קאָן זוכה זיין** [כשמגדלים נערי בני ישראל בדרך התורה].

[כי באמת] **וואָס קאָן דען אַ מענטש טאָן** [בעצמו]?

[והרי א״צ לפרט] **וויאַזוי אונזערע מצות ומעשים טובים בעוונינו הרבים זעען אויס נעבעך**, וויאַזוי מ׳זעט אויס אין דעם שפלות הדור, מ׳ווערט נִתְגַּשֵּׁם נעבעך, און די הערצער זענען פאַרשטאָפּט.

נאָר די תינוקות של בית רבן וואָס מ׳ציהט אויף!, פון דעם האָט מען צו ערוואַרטן [אַז] ס׳וועט זיין דורות מיט אידן!, די וועלן דאָך טאָן אַזויפיל מצות ומעשים טובים!

**נו איז מען זוכה דורך די קינדער וואָס מ׳איז מחזק אַז זיי זאָלן בלייבן ביי אידישקייט**, די [קינדער] וואָס מ׳זעט, אַז ס׳איז דאָ די האָפענונג אַז זיי זאָלן בלייבן ביי אידישקייט.

חלילה פאַרקערט, אַז מ׳ערציהט שלעכט און זיי ווערן בעלי עבירות לא עלינו, קומט אויס איז מען דאָך געווען אַ גורם רחמנא ליצלן צו דעם אַלעמען.

און אַזוי אויף אַזאַ מאָדע אופן [שמחנכים אותם בדרך הטוב והישר] **האָט מען ׳אַזויפיל׳ מצות ומעשים טובים.**

און וַיֵּיטֶב אֱלֹקִים, דער בורא כל עולמים גיט השפעה, מ׳האָט נישט געוואוסט וויאַזוי מ׳קומט צו דעם.

און מ׳איז היצט נאָך נייטיג [לברכת] **וַיַּעַשׂ לָהֶם בָּתִּים!**

**דאָס ברויך מען טאַקע, פשוטו כמשמעו!**

טאַקע אַזוי ווי דער ישמח משה טייטשט. - ברוח הקודש האָט ער געזען אַז פרשת שמות וועט דאָס זיין אין באָראָ פּאַרק, ס׳ברויך צו זיין וַיַּעַשׂ לָהֶם בָּתִּים.

**מ׳ברויך עפּעס צו טאָן צו דער זאַך!**

**מ׳ברויך טאַקע צו געבן!**

KolSatmar.com

יח

# הקדמה לביאורי הקושיות

## ביאור כוונת פרעה שביקש לעשות הגזירה דוקא ע״י המילדות

דאָ איז דאָך אַזוי, מילא פרעה איז דאָך געווען [אַ רואה] באצטגנינות, און זיי האָבן אַלעס געוואוסט - ער האָט אַ גרויסן כח געהאַט אין דער טומאה - זיי האָבן געזען אַז ס׳איז דאָ דאָרטן אַ מושיען של ישראל, און זיי האָבן געזען אַז ער איז עתיד ללקות במים, זיי האָבן דאָך געוואוסט זייער אַסאַך.

קודם וואָס האָט ער דאָ גענומען זיך צו אַזאָלעכע צדקניות, צו אַזאָלעכע צדקניות זיי זאָלן אים דורכפירן זיין באַשלוס, פאַרוואָס האָט ער דאָ נישט מורא געהאַט [שלא יצייתו לו], ער האָט דאָך געוואוסט גאַנץ גוט [שהם צדקניות].

(המשך הביאור באות כב)

יט

## ירידת הדור במצרים, והשפעת החינוך שנתנו יוכבד ומרים

אחר מיתת יוסף והשבטים נעשה ירידה גדולה במצב בני ישראל

נאָר דאָ איז נאָך אַזאַ מעשה אויכעט געווען, מילא אידישע קינדער זענען געווען, ס׳זענען דאָך געווען אידן אין מצרים אויך [שנפלו הרבה מדריגות].

ס׳איז דאָך שוין געווען נעבעך וַיָּמָת יוֹסֵף וְכָל אֶחָיו וְכֹל הַדּוֹר הַהוּא, דאָס איז שוין געווען נאָך דעם דור.

ווי דער **חתם סופר** טייטשט׳ - דאַכט זיך מיר ער ברענגט ס׳איז גאָר אַ מדרש״א - ס׳שטייט וַיָּמָת יוֹסֵף וְכָל אֶחָיו וְכֹל הַדּוֹר הַהוּא וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל פָּרוּ וַיִּשְׁרְצוּ וגו׳ וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ אֹתָם.

**זאָגט ער, ווילאַנג דאָס פריעריגע דור איז געווען, האָט מען נישט געטראָפן אַ איד נאָר אין בית המדרש, אָבער ווען ס׳איז געקומען דאָס אַנדערע דור איז שוין פיל געוואָרן, וואו ס׳איז דאָ אַ ״טיאַטער״ און וואו ס׳איז דאָ אַ ״קאַפעי הויז״ איבעראָל האָט מען געטראָפן אידן.**

**זאָגט ער וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ אֹתָם, ס׳איז פיל געוואָרן מיט אידן. אַזוי זאָגט דער חתם סופר זאָגט עס, דאַכט זיך מיר ער ברענגט עס אויך פון אַ מדרש.**

---

׳ בתורת משה, וז״ל, וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה. רמז בזה הַבָּאִים עכשיו למצרים, כי אֵת יַעֲקֹב אִישׁ ׳וּבֵיתוֹ׳ בָּאוּ, ביתם של ארץ ישראל, היינו שהיה להם בית המדרש ללמוד תורה וכו׳ ובית המדרש יש לו קדושת ארץ ישראל (עיין מהרש״א בח״א ברכות ח.) מה שאין כן עתה וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ אֹתָם איתא במדרש שבכל מקום של שחוק נמצאים ישראלים, ועל ידי זה אירע כך, שקם מלך חדש.

**ובדרשות חת״ס** (דרוש לח׳ טבת תקצ״ט) שכתב, והנה כבר כתבתי במקום אחר, כל זמן שאחד מן השבטים קיים ומכל שכן כל זמן שיוסף קיים, היה עובדים את ה׳ ולא התערבו בגוים ולא למדו מעשיהם, כי כך כתיב וַיָּמָת יוֹסֵף וְכָל אֶחָיו וְכֹל הַדּוֹר הַהוּא ואחר כך וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ אֹתָם, פירוש כל זמן שהזקנים היו חיים לא תמלא הארץ אותם, כי היו נֶחְבָּאִים אל הכלים ולא יראו החוצה אבל אחר כך נתמלא הארץ, וישראל בראש כל חוצות ובכל בתי משתאות ושחוק ומעשי מצרים ותועבותיהם, עכ״ל.

י״א **בילקוט שמעוני** (שמות, רמז קסב) וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ אֹתָם. אמר רבי יוחנן מלאו את מצרים, דבר אחר שנתמלאו בתי טרטיאות ובתי קרקסיאות מהם.

KolSatmar.com

כ

החינוך מן סתם אמהות במצרים, היה בו חשש סכנה מירידת הדור

נו איז דאָך שוין געווען נעבעך אַזוי אויכעט [ירידת הדור], איבערהויפּט **נָשִׁים דַּעְתָּן קַלּוֹת** (קידושין פ:), וויאַזוי זענען ערצויגן געוואָרן, איז דאָך שוין אפילו דער חינוך און דער גידול - טאַקע אינדערהיים - איז דאָך אויך שוין געווען איינגעשטעלט, ס׳איז שוין נישט געווען דאָס [כמו דורו של יוסף הצדיק].

אפילו זיי זענען נאָך געווען ״וואוילע אידן״, און זיי האָבן נאָך געהאַלטן אידישקייט, אָבער ס׳איז דאָך לֹא יְמַלֵּט [שלא הזיק לחינוך הבנים והבנות], אַז דאָס דור זעט אַזוי אויס ווערט מען דאָך אַביסל געכאַפּט, און דאָס קומט אַריין אין די הייזער אַריין, און מיט חברים.

כא

נו אַז די האָבן זיי באַהאַלטן ביי זיך אין שטוב - די מילדות, די צדקניות, די נביאות, - איז דאָך עס געווען אונטער זייער רשות, האָבן ׳זיי׳ געגעבן אַ חינוך.

און אַז זיי האָבן געגעבן אַ חינוך פאַר די קינדער [בודאי היה חינוך טוב ויפה, ונמצא] פון די גזירה איז אַרויסגעקומען אַ גרויסע טובה.

וואָרן זיי האָבן מחנך געווען קינדער, אַז זיי זאָלן זיין אידישע קינדער אַזוי ווי ס׳קער צו זיין, [ונמצא שהיה] אַ בעסערער חינוך ווי זיי האָבן געזעצן אינדערהיים, ווי זיי האָבן געזעצן ביי די עלטערן.

וואָרן אַז ׳זיי׳ האָבן געגעבן אַ חינוך, זיי האָבן זיי באַהאַלטן ביי זיך אין שטוב, איז נאָך געווען [החינוך] אַזוי ווי ס׳דאַרף צו זיין.

כב

המשך הביאור בכוונת פרעה

**פרעה חיפש אחר שותף ׳מבני ישראל׳ כי ידע שרק עי״ז יצליח הגזירה**

און פרעה וואָס האָט ער געוואָלט פון זיי [מהמילדות] ?.

נאָר בעוונינו הרבים [החורבנות הגדולות באים ע״י מהרסים מבני ישראל, וכדכתיב] מְהָרְסַיִךְ וּמַחֲרִיבַיִךְ מִמֵּךְ יֵצֵאוּ (ישעי׳ מט, יז).

[וכתיב] **וְרָדוּ בָכֶם שֹׂנְאֵיכֶם** (בחוקותי כו, יז) **זאָגט רש״י, איני מעמיד שונאים אלא מִכֶּם וּבָכֶם**, וואָרן אַ גוי זוכט נאָר וואָס ס׳איז בגלוי, און אַז מ׳שיקט אידן נעבעך - אַזוי ווי מ׳זעט דאָך אין די גזירות - זוכן זיי אין די מַטְמוֹנִיּוֹת.

האָט ער [פרעה] געוואוסט, אַז ער וויל דורכפירן עפּעס [אַ גזירה] ביי אידן, ער האָט געוואוסט ווילאַנג אידן האָבן זכותים מיט מצות ומעשים טובים וועט ער נישט קענען צו זיי, נו וויאַזוי דען קריכט מען עפּעס אַריין אין אידישע קינדער אַז מ׳זאָל זיי אַראָפּפירן פונעם וועג, האָט ער געוואוסט ער מוז נעמען ׳אידישע קינדער׳ צו דעם, ער מוז דערווישן איינעם, ער מוז דערווישן מִכֶּם וּבָכֶם - אַזוי ווי בעונותינו הרבים אַזוי איז אין יעדן דור - מוז ער באַקומען, האָט ער זיך פּרובירט נעמען צו זיי [להמילדות], ער זאָל גאָר זיי דערווישן.

כג

נאָר ס׳איז אים נישט געלונגען, זיי זענען געווען אַזאָלעכע צדיקים.

אָבער ער האָט געקלערט, אַזוי ווייט איז ער דאָך נישט ראוי געווען ער זאָל זיין אַ מבין דאָס פנימיות הלב גראָד אַז ׳זיי׳ וועט ער נישט דערווישן.

אָבער זיי [הרוצים לְהָרַע לישראל] הייבן אַמאָל [=על כל פנים] אָן ביי דעם, בעוונינו הרבים, און מ׳דערווישט נעבעך בעוונינו הרבים אין יעדן דור פון זיי אַליין [מִכֶּם וּבָכֶם]. (המשך הביאור באות כז)

## כד
## ביאור סתירת המדרשים, אי פַּרְעֹה התחיל בעצה, או הָעָם

ווי איך האָב דאָ געזאָגט[יב] [לתרץ סתירת המדרש], איך האָב דאָ פאַרענטפערט - מיט׳ן היצטיגן דור - וואָס דער **מדרש** זאָגט[יג] אַז פרעה איז געווען **׳התחיל בעצה׳** [כמו שנאמר] **וַיֹּאמֶר אֶל עַמּוֹ** [הִנֵּה עַם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וגו׳], איבערדעם האָט זיך דאָס פורעניות אָנגעהויבן ביי אים, [נמצא אַז] ער איז געווען דער עצה געבער.

און תיכף דערויף[יד] שטייט אַ שטיקל **מדרש**, פרעה האָט **׳נישט געוואָלט׳**, ער האָט זיי גאָר געזאָגט ווי קען מיר עפּעס דאָס טוהן ?!, אונז האָב מיר געלעבט אין זכות פון יעקב אבינו און פון יוסף׳ן, ווי קען מיר אונז דאָס טאָן פאַר זייערע קינדער, האָבן זיי אים אַראָפּגענומען פון דער כסא, האָט מען אים געמאַכט ״אויס פְּריץ״, הורידוהו מכסאו, - אויף **וַיָּקָם מֶלֶךְ חָדָשׁ** זאָגט עס דאָרט דער מדרש, - און ס׳האָט גענומען דריי חדשים, ער האָט אַ קוק געגעבן ס׳גייט נישט אַנדערש, האָט ער געזאָגט ״כ׳וועל טאָן וואָס עטץ ווילטס״, און מ׳האָט אים צוריקגעזעצט אויף דער כסא, איבערדעם **וַיָּקָם מֶלֶךְ חָדָשׁ**.

לכאורה איז עס אַ גרויסע סתירה, דאָ [באות ט שבמדרש] **זאָגט ער אַז ער איז** געווען דער גאַנצער ׳מתחיל׳ אין די עצות, און דאָ פלוצים [באות ח שבמדרש] **זעט** מען גאָר, אַז נישט נאָר ער איז נישט געווען דער מתחיל, נאָר אפילו שפּעטער שוין, האָט ער אויך נישט געוואָלט [עד שהורידוהו מכסאו וכו׳], **זענען ׳זיי׳** [העם] **דאָך** געווען די מתחילים, ס׳איז דאָך אַ גרויסע פלא.

## כה
### מקודם לא רצה פרעה, אבל אחר שנתרצה לעשות כדבריהם, התחיל בעצה תחילה יותר מהם

נאָר וואָס דען איך האָב געזאָגט[טו] איך זעה דאָס היינט, מ׳זעט ׳מנהיגים׳ [=ראַבייס] פון די שוהלן, ווען ער קומט אַהין, איז ער נאָך גאַנץ אַן ערליכער, ער

---

[יב] באסיפת הרבנים א׳ פרשת בא תשי״ט.

[יג] **במדרש** (שמו״ר א, ט) וַיֹּאמֶר אֶל עַמּוֹ, <u>הוא התחיל בעצה</u> תחלה לכך לקה תחלה, הוא התחיל בעצה תחלה, דכתיב וַיֹּאמֶר אֶל עַמּוֹ, והוא לקה תחלה, דכתיב וּבְכָה וּבְעַמְּךָ וּבְכָל עֲבָדֶיךָ (שמות ז, כט).

[יד] **במדרש** (שם אות ח) וַיָּקָם מֶלֶךְ חָדָשׁ. רבנן אמרי למה קראו מֶלֶךְ חָדָשׁ והלא פרעה עצמו היה, אלא שאמרו המצרים לפרעה בא ונזדווג לאומה זו, אמר להם שוטים אתם! עד עכשיו משלהם אנו אוכלים והיאך נזדווג להם, אלולי יוסף לא היינו חיים, <u>כיון שלא שמע להם הורידוהו מכסאו שלשה חדשים</u>, עד שאמר להם ״כל מה שאתם רוצים הריני עמכם״ והשיבו אותו, לפיכך כתיב וַיָּקָם מֶלֶךְ חָדָשׁ.

[טו] **במסיבה** (השנתית לטובת התאחדות הרבנים א׳ ויקרא תשכ״ה) אמר רבינו בלש״ק: כ׳האָב עס בייגעוואוינט, כ׳האָב געקאָנט רבנים, איידער ער איז געוואָרן א רב איז ער געווען גאַנץ אָן ערליכער, ווען מ׳האָט אים גערופן אויף א רבנות האָט ער נישט געוואָלט גיין, [ואמר] וואָס ווייס איך, איך קאָן דאָך אַמאָל דאָרט אַריינפאַלן, כ׳מוז דאָך נאָכגיין דעם עולם און כ׳וועל טוהן וואָס דער עולם וויל, ער האָט געהאַט מסירת נפש ער איז נישט געגאַנגען, ענדליך [=לבסוף] האָט ער נישט געקאָנט עומד בנסיון זיין און ער איז געגאַנגען, האָט ער דאָך געוואָלט נושא חן זיין ביי דעם עולם, האָט ער דאָך נישט געוואוסט וואָס ער זאָל טוהן, נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן צו געבן עצות וויאַזוי מ׳זאָל עובר זיין דאָס דת, האָב איך געזען אַז ס׳איז פאַרהאַנדן אַזאַ מין, קודם האָט ער נישט געוואָלט און דערנאָך איז געווען ״הוּא התחיל בעצה״ וכו׳ פאַרוואָס ס׳איז

KolSatmar.com

וויל דאָס נישט שטיצן [הַקָלוֹת של העם], נאָר ער האָט מורא פונעם ״פּרעזידענט״ [=ראש הקהל] און פאַרדעם מוז ער [נאָכגעבן], ס׳איז פאַר אֵין בְּרֵירָה.

דערנאָך, איז ער דער ׳עצה געבער׳, דערנאָך ווערט ער שוין אַרגער פון זיי, וואָרן ער וויל דאָך זיי צוליב טוהן, ווייסט ער שוין נישט ווען ער איז יוצא, טראַכט ער אויס עצות וויאַזוי צו פאַרפירן אידן, וואָס זיי פאַלט נישט איין.

**כו**

דעם זעלבע זעט אויס איז געשען ביי פרעה׳ן.

קודם האָט ער טאַקע נישט געוואָלט, הורידוהו מכסאו, האָט ער געזאָגט כ׳וועל ענק ׳צוליב׳ טאָן.

אַז ער איז שוין געקומען דערויף ׳צוליב צו טאָן׳, האָט ער שוין געוואוסט ער מוז צוליב טאָן, האָט ער נישט געוואוסט ווען ער איז יוצא, האָט ער אויסגעטראַכט אַזאָלעכע עצות וואָס ס׳איז קיינעם נישט איינגעפאַלן, איז געווען ״הוא התחיל בעצה תחילה״, נאָך דעם איז ׳ער׳ געווען דער מתחיל.

**כז**
**סיום ההקדמה בביאור כוונת פרעה**

האָט ער [פרעה] דאָך שוין געוואוסט [ממה שכבר אירע אצל עצמו, אַז] ער דאַרף נאָר דערווישן ׳איינעם׳ [מישראל] און שפּעטער וועט ׳ער׳ [אותו מישראל] נאָך בעסער אַרבעטן פון אים, האָט ער געמוזט זוכן [איינעם לזה].

נו הכלל ווּעמען ?.

האָט ער אָנגעהויבן [פרובירן עם המילדות], די ערשטע פירן זיי - ווען די קינדער זענען געבוירן - [די ערשטע] זענען די מילדות, האָט ער ׳זיי׳ געוואָלט אַריין דערווישן [לדבר עבירה], און זיי זאָלן אים דורכפירן דאָס גאַנצע ענין, די גאַנצע גזירה וואָס ער האָט דאָ געמאַכט אַזוי. [ובזה מיושב קושיא 3, שייכות גזירת הילדים לזה שרצה להכשיל המילדות].

**כח**
**ביאור קושיא א**

פרעה אמר אִם בַּת הִוא וָחָיָה, כדי שאם לא יצייתו ויחנכו הילדים, שעל כל פנים ״הבנות״ לא יהיו בכלל זה

נו פונדעסטוועגן האָט ער נאָך מורא געהאַט, - טאַקע ער האָט דאָך נישט געהאַט קיין ברירה, ער וויל דאָך פּרובירן אויב ס׳וועט גיין, - [מכל מקום] ער האָט מורא געהאַט ס׳וועט אים נישט געלונגען, [און] ס׳וועט נאָך זיין אַ טובה, זיי וועלן זיי נאָך נעמען [הילדים] און זיי וועלן זיי נאָך באַהאַלטן, און זיי וועלן זיי נאָך אויסלערנען [דרך הישר, כאשר באמת כן היה].

נו האָט ער געקלערט, די קינדער [הבנים] האָט ער דאָך געוואָלט אומברענגען, האָט ער געמוזט איבערגעבן [הכח להמילדות].

[אָבער] פאַר די טעכטער האָט ער דאָך נישט געוואָלט טאָן.

---

געוואָרן דאָס מינות אַזוי שטאַרק, פאַרוואָס ס׳איז אַזוי שטאַרק דאָס מלכות המינות, דאָס איז דער כח לײדער פון די מנהיגים, די אפיקורסים קענען זיך נישט אָפּרעדן מַאי אַהֲנֵי לָן רַבָּנָן, די רבנים האָבן זיי שטאַרק מהנה געווען, די הויפּט ביזנעס האָבן זיי איינגעפירט די רבנים, מ׳מאַכט מיט זיי שותפות.

פרעה לא רצה שלהמילדות יהיה שייכות עם חינוך ״הבנות״

ווארן אַז טאָמער וועט עס זיין אַ טובה, און זיי וועלן זיי באַהאַלטן, וועלן זיי לערנען פשט אַז ער וויל די טעכטער אויכעט אומברענגען, וועלן זיי האָבן אַ תירוץ צו באַהאַלטן די טעכטער אויכעט, און זיי וועלן זיי אויך מאַכן פאַר אידישע טעכטער, און זיי וועלן די טעכטער אויך אויפציען פאַר אידישע טעכטער, וועט דאָך נאָך אַרגער זיין, האָט ער זיך געוואָלט באַוואָרענען.

[ולזה אמר פרעה:] **עטץ זאָלט וויסן די גזירה איז נאָר געמאַכט פאַר אינגלעך!**

**אִם בַּת הִוא וָחָיָה, אַ טאָכטער קען מאַכן אַזוי אַ לעבן, מ׳ברויך זי נישט ערציען, פאַר קיין מיידלעך דאַרפט עטץ נישט זאָרגן, עטץ זאָלטס נאָר נעמען די אינגלעך, ס׳איז גענוג.**

ווארן ער האָט געוואוסט טאָמער געלונגט אים נישט, און זיי וועלן אַזוי טאָן, זיי וועלן פאַררעכטן די אינגלעך, וואָס טויג מיר נאָך זיי זאָלן נאָך די מיידלעך אויכעט ערציען אַזוי.

איבערדעם שטעלט ער זיך אויף דעם שטאַנדפונקט, ער זאָל זיך באַוואָרענען אַז קיין מיידלעך זאָל מען נישט נעמען זאָל מען נישט מאַכן.

כט

המילדות לא שמעו לדברי פרעה, ולקחו גם הבנות לגדלם ולחנכם

נאָר זיי זענען דאָך אָבער געווען אויף דעם אַ מבין, האָבן זיי נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען, און זיי האָבן געקלערט, ״טאַקע דו האָסט אונז טאַקע געזאָגט, אָבער ווער וואָס ווען״.

האָבן זיי זיך געזוכט [לתקן ולהטיב גם הבנות], **און זיי האָבן די מיידלעך אויך אַהין גענומען, זיי האָבן די מיידלעך אויך געגעבן אַן ערציאונג.**

ל

# חשיבות ״חינוך הבנות״

## הקדמה לביאור קושיא ח

דאָס קאָן זיין איז דער פשט [בפסוק וַיַּעַשׂ לָהֶם ״בָּתִּים״].

די **גמרא זאָגט** (יומא ב.) **בֵּיתוֹ זו אשתו** [דכתיב (ויקרא טז, ו) וְכִפֶּר בַּעֲדוֹ וּבְעַד בֵּיתוֹ].

אַזוי זאָגט דאָך די גמרא וועלעכס הייסט בַּיִת?, ס׳ווערט אָנגערופן בֵּיתוֹ.

בֵּית יַעֲקֹב [אלו הנשים], ווערט אָנגערופן בַּיִת (מכילתא. הובא ברש״י יתרו יט, ג).

פאַרוואָס הייסט בֵּיתוֹ זו אשתו?

ווייל זי איז דאָס ׳הויז׳, עֲקֶרֶת הַבַּיִת [עיקרו של בית].

**אויף אַהערשטעלן אַ אידיש הויז מוז מען האָבן אַן ערציאונג** [על ידי הָאֵם], **מוז מען האָבן דעם גידול מיט דער צושטימונג** [של האשה].

דער מדרש[טז] זאָגט גאָר פאַרוואָס [שמקדימין הנשים, כמו שדרשו מפסוק (יתרו יט, ג)], **כֹּה תֹאמַר לְבֵית יַעֲקֹב** [אלו הנשים, וְתַגֵּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל אלו האנשים]. **פאַרוואָס האָט ער**

[טז] במדרש (שמו״ר כח, ב) כה תאמר לבית יעקב, אלו הנשים וכו׳. למה לנשים תחלה, שהן מזדרזות במצות, דבר אחר כדי שיהו מנהיגות את בניהן לתורה.

KolSatmar.com

מקדים געווען **אלו הנשים** [קודם האנשים], **זאָגט ער ווייל זיי זענען מצויות בבית**[יז] **לגדל הבנים. - איבערדעם איז בֵּיתו זו אשתו.**

**לא**

## עם חינוך "הבנים" בלי חינוך "הבנות" אי אפשר להקים בית יהודי

**ביאור קושיא ח**

וַיַּעַשׂ המילדות עשו, לָהֶם אל 'הבנים', "בָּתִּים" שחינכו 'הבנות' הנקראים "בַּיִת"

די מילדות האָבן געטוהן מער [מלגדל רק הבנים]. **זיי האָבן אַ קוק געגעבן, אונז וועלמיר דאָ** [מחנך זיין די אינגלעך], **זיי האָבן אַ קוק געגעבן מ'דאַרף ערציאונג.**

**אַז איך וועל נעמען די "אינגלעך" און כ'וועל נישט האָבן די "מיידלעך", וועט מען נישט האָבן קיין בַּיִת! קיין בָּתִּים וועט נישט זיין!**

**וואָרן ס'איז דאָך נישטאָ קיין הויז** [בלי הבנות].

**אַז די מיידלעך זענען נישט אַזוי ערצויגן ס'זאָל אַנטשפּרעכן** [=צוגעפּאַסט] **פּאַר אַזאַ ערציאונג ווי 'זיי' האָבן געוואָלט געבן פּאַר די אינגלעך** [וועט נישט זיין קיין בָּתִּים].

[ולכן] **וַיְהִי כִּי יָרְאוּ הַמְיַלְּדֹת אֶת הָאֱלֹקִים וַיַּעַשׂ לָהֶם "בָּתִּים", האָבן זיי דאָס אויך געטוהן** [שחינכו גם הבנות שנקראו "בתים"].

**זיי האָבן געזען צו פאַרשאַפן, וַיַּעַשׂ לָהֶם בָּתִּים, אַז טאַקע ס'זאָל זיין בָּתִּים און ס'זאָל טאַקע זיין אַ בַּיִת, טאַקע 'זיי' האָבן דאָס אַלעס געטוהן** [לחנכם].

**לב**

## בית חינוך "לבנות" הוא אולי נחוץ יותר מבית חינוך לבנים

**אַזוי ווי מ'זעט בחוש, אפילו וואו מ'לאָזט זיך שוין צורעדן און מ'פאַרשטייט שוין** [הכרח וצורך החינוך] **אויף "אינגלעך",** [אבל] **פּאַר מיידלעך דאָרט פאַרשטייט מען גאָרנישט.** [וחושבין אַז] **דאָרט מעג מען שוין אַלעס.**

**זיי ווייסן גאָרנישט אַז די מיידלעך ברויכן אַן ערציאונג אפשר נאָך מער ווי אינגלעך. וואָרן דער רוח הזמן איז נאָך געפערליכער** [אצל הבנות].

**אינגלעך האָבן נאָך אַ שטיקל כח התורה וואָס ס'זאָל זיי מציל זיין** [מן הבעל דבר, און] **ס'זאָל אויף זיי משפיע זיין.**

**מיידלעך אַז זיי האָבן נישט קיין תורה - וואָרן זיי טאָרן דאָך נישט** [ללמוד תורה], **טאָמער מ'לערנט איז דאָך נאָך אַרגער, ווי די גמרא זאָגט**[יח]**, נאָר דאָס וואָס מ'מעג** [צריכים ללמוד עמהם]. **ס'איז דאָך נישט קיין נפקא מינה** [לענייננו], **דער שמועס קער דאָך נישט אַהער**[יט]. **- ברויך מען נאָך מער אַכטונג געבן!**

**און דאָ זעט מען פאַרלייגט זיך דער בעל דבר** [שלא ליתן להבנות חינוך הראוי].

---

[יז] **ועיין בשל"ה הקדוש** (שער האותיות אות ד' - דרך ארץ) **והנשים מְצֻוּוֹת על תוכחת בניהם כמו האב, ויותר מהם, מטעם שהם פנויות ומצויות יותר בבית. ממה נפשך, אם האב תלמיד חכם, אז הוא טרוד מאד בגירסא, לא יוכל לעיין בכל עת ובכל שעה על מעשה הנער, ואם הוא טרוד במשא ומתן ובהליכת דרכים, אז על הרוב אין האיש בביתו.**

[יח] **כדאיתא בגמרא** (סוטה כא:) **כל המלמד את בתו תורה כאילו מלמדה תיפלות.**

[יט] **וכבר מבואר באריכות בספר ויואל משה מאמר לשון הקודש, האסור והמותר ללמוד עם בנות ישראל.**

KolSatmar.com

נאָר דער נסיון ווייזט, אַז וואו מ׳ברעכט עס דורך, און וואו מ׳פירט עס [איין], העלפט דער אייבערשטער, זעט מען [שיש לזה קיום], דערנאָך זעט מען איין [גודל נחיצות הדבר].

דאָרט אין ארץ ישראל האָט געדויערט אַפּאָר יאָר און איך האָב מיך געפּלאָגט[כ] [להעמיד תלמוד תורה על טהרת הקודש לבנים], און טאַקע פאַר די מיידלעך האָב איך נישט געקענט, דער עולם האָט נישט געוואָלט, און אַזוי ווי דאָס האָט זיך אָנגעהויבן [שנתייסד הבית חינוך לבנות] קומען צו גיין [עוד אנשים שרוצים בזה], היצט זענען זיי דאָך הכל מודים, ס׳איז שוין אַ גרויסער שמועס, ס׳ווערט נִתְרַבֶּה מיום ליום, און מ׳זעט דאָס איין יעדערער, דערנאָך זעט מען דאָס נחיצות און ס׳איז גוט, און ס׳ברויך צו זיין.

לג

איך זאָג דאָס אַקעגן דעם, איך דאַרף נישט קיין סאַך רעדן דערפון, ס׳איז דָּבָר הַלָּמֵד מֵעִנְיָנוֹ, און דאָס קער אויך קיין באָרא פּאַרק, טאַקע דאָס ענין, איך מיין מ׳פאַרשטייט עס אַליין, מ׳דאַרף נישט אַזויפיל מסביר זיין [שצריכים להעמיד יסוד חזק להחזקת חינוך לבנות על דרך ישראל סבא, ולגדל הבנות בחינוך כראוי].

און מסתמא אַז זיי [ההנהלה] האָבן זיך אָפּגעקלערט צו מאַכן די סעודה [להחזקת המוסדות] אויף פרשת שמות [וואו עס] שטייט וַיַּעַשׂ לָהֶם בָּתִּים, מסתמא ברויך מען דאָ האָבן אַ תיקון אין דעם אַז ס׳זאָל זיין וַיַּעַשׂ לָהֶם בָּתִּים.

לד

## המשך ביאור הקושיות

### קושיא ז - והביאור

וועלמיר גיין צוריק [צו ענין פון] די מילדות.

דער **מדרש** זאָגט[כא] (שמו״ר א, טז) **וַיֵּיטֶב אֱלֹקִים לַמְיַלְּדֹת**, זיי האָבן געהאַט אַ טובה, ששמע אליהם מלך מצרים. [וצ״ב] וואָס הייסט ששמע אליהם?.

המילדות הטעו את פרעה שהם לא יתנו חינוך טוב להילדים

זעט אויס, די מילדות האָבן דאָך געוואוסט אַז מ׳האָט זיי גענומען צו דעם צוועק, נו זיי האָבן דאָך געוואוסט אַז זיי זענען [גרייט] זיי נעמען דאָס [אונטער], האָבן זיי געהאַט סייעתא דשמיא אַז זיי האָבן איינגערעדט דעם מלך מצרים,

---

[כ] באותו תקופה כאשר יסד רבינו הבית חינוך ״בנות ארץ ישראל״ בבני ברק, היתה זו היחידה בכל ארה״ק (חוץ מירושלים), על טהרת הקודש. - ועיין **בדברי יואל מכתבים** (חלק א, מכתב לו) שכותב רבינו במכתב לאנ״ש בעיר בני ברק, וזל״ק, אחדשת״ה באה״ר, היות כי נודע לכם כי כאשר באתי בפעם הראשונה [בשנת תשי״ב] לקהלתכם עיר בני ברק ת״ו, ומצאתי את שאהבה נפשי קהלה נאה וחסודה, בארץ חמדה, אבל נצטערתי למאד במה שראיתי שבכל העיר לומדים עם תשב״ר רק בלשון הטמא שבדו מלבם בקודש פנימה, וזהו השורש פורה ראש ולענה להמשיך מקורי המינות בתוך ילדי בני ישראל, ולזה ראיתי אז לייסד חדרים על דרך אבותינו ורבותינו נ״ע זלה״ה, ותלי״ת גדלו והצליחו וגם עשו פרי, אבל בכל משך הזמן לא היה מרגוע לרוחי, באשר לא נעשה אצליכם ״בנות ארץ ישראל״, אבל שמעתי כי אינכם מבינים הענין ועדיין אינכם שמים לב לדרך חינוך הבנות, והנה קצר היריעה מהכיל לבאר גודל הנחיצות בזה וכו׳, ובאמת כל משביל יוכל להתבונן בדבר אבל בעוה״ר שטנא נצח וגברה יצרא דמינות וכו׳. אבל את אחי אנכי מבקש אל נא אחי תרעו, ושלחו בנותיכם לבנות ארץ ישראל, למען טובתכם וטובת בניכם ובנותיכם שתזכו לדור ישרים יבורך לדורי דורות, ע״כ מכתי״ק.

[כא] **במדרש** (שמו״ר א, טז) וייטב אלקים למילדות, מה היה הטובה הזאת? שקבל דבריהם מלך מצרים ולא הזיק להן.

האָבן זיי איינגערעדט אַז זיי נעמען גאָר פאַרקערט, זיי האָבן אים איינגערעדט אַז ביי זיי איז בעסער [כפי רצון פרעה], זיי וועלן נישט געבן אַזאַ גוטע ערציאונג ווי אינדערהיים, [ופרעה שמע להם ולא הזיק אותם, וזהו מכלל ההטבה שהיטב להם הקב״ה].

### לה
### ביאור קושיא ד - ה - ו

׳בְּטֶרֶם׳ תָּבוֹא אֲלֵהֶן ׳וְיָלָדוּ׳, הכוונה כי נָשִׁים הָעִבְרִיֹּת יש להם זכותים גדולים על דרך מִי הִקְדִּימַנִי וַאֲשַׁלֵּם ובזה הטעו את פרעה וטענו לפניו שצריכים לקחת הילדים מאמותיהם כדי לחנכם כפי רצונו

קאָן זיין דער פשט אַזוי, **כִּי לֹא כַנָּשִׁים הַמִּצְרִיֹּת הָעִבְרִיֹּת כִּי חָיוֹת הֵנָּה בְּטֶרֶם תָּבוֹא אֲלֵהֶן** [וְיָלָדוּ], וואָס הייסט בְּטֶרֶם תָּבוֹא אֲלֵהֶן, [והלא המציאות הוא שגם בני ישראל צריכין למילדות].

לעולם איז אַזוי, דער פסוק זאָגט (נח ו, ט) אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו, זאָגט רש״י עיקר תולדותיהם של צדיקים מצות ומעשים טובים, די ׳תולדות׳ פון צדיקים איז, אַז דער אייבירשטער העלפט מ׳טוט ׳מצות און מעשים טובים׳.

### לו

ס׳שטייט אין **באר מים חיים** (ריש כי תשא) מ׳זאָגט [וַיַּעַן ה׳ אֶת אִיּוֹב וגו׳] **מִי הִקְדִּימַנִי וַאֲשַׁלֵּם** (איוב מא, ג), [ואיתא במדרש (ויק״ר כז, ב) שאמר הקב״ה] **מי מָל עד שלא נתתי לו בן, מי עָשָׂה מזוזה עד שלא נתתי לו בית?.**

[ולכאורה קשה והלא אין הקב״ה בא בטרוניא עם בריותיו] וואָס הייסט דו פרעגסט מיך אַ קשיא, איז דען מעגליך?!, מ׳קען עפעס מקיים זיין די מצות מילה איידער מ׳האָט אַ זוהן?, מ׳קען מאַכן אַ מזוזה איידער מ׳האָט אַ שטוב?, וואָס פרעגסטו אַ קשיא.

זאָגט ער [הבאר מים חיים] **יאָ מ׳קען!**

אַז מ׳גייט פאָראויס, מ׳וויל איבערדעם האָבן קינדער כדי מ׳זאָל מקיים זיין מצות מילה, איז מען מקיים די מצוה נאָך איידער ס׳ווערט געבוירן, אַז ער האָט די מחשבה.

צי אַז מ׳בויעט אויף אַ הויז, [בכוונה] כדי איך זאָל קאָנען טאָן די מצוה [מזוזה], האָב איך געהאַט די מַחְשָׁבָה פון פריער.

זאָגט ער מִי ״הִקְדִּימַנִי״ וַאֲשַׁלֵּם, ווער האָט מיך מקדים געווען אפילו איידער כ׳האָב אים געגעבן אַ מזוזה, [או מקודם שהיה לו בן] זאָל ער שוין ברענען אויף מצות מילה נאָך צו טאָן פון דערפריער [במחשבה].

נו דער וואָס ברענט פריער אויף מצות, איז ער דאָך מקיים עיקר תולדותיהם של צדיקים מצות ומעשים טובים, איז דאָך דער עיקר לידה נאָך איידער ס׳ווערט געבוירן, וואָרן ס׳איז דאָך מִי הִקְדִּימַנִי, ער טוט דאָך נאָך פון פריער.

### לז

נו ער [פרעה] האָט דאָ געוואָלט זיי [המילדות] אַ תל צו מאַכן און זיי אַראָפּפירן פונעם וועג, אַזוי ווי מ׳האָמיר געשמועסט פריער (אות כב) ער האָט געוואָלט אַז זיי [המילדות] זאָלן זיי [בני ישראל] אַראָפּפירן פונעם וועג, און דערנאָך זאָלן חלילה שולט זיין די גזירות.

KolSatmar.com

### לח
ביאור קושיא ה

האָבן זיי געזאָגט כִּי לֹא כַנָּשִׁים הַמִּצְרִיֹּת הָעִבְרִיֹּת, אַז [הַמִּצְרִיֹּת] זיי וואַרטן, הערשט ווען ס׳טרעפט זיך זיי אַ מצוה, קלערט ער אַריין צי ער זאָל דאָס טאָן אַ מצוה, טוט ער אַמאָל אַ מצוה.

איבערדעם זאָגט ער ניין, [כי הָעִבְרִיֹּת] ״בְּטֶרֶם״ תָּבוֹא אֲלֵהֶן הַמְיַלֶּדֶת, פאַר אַלעמען, נישט נאָר איידער זיי האָבן, נאָך איידער די הייבאַם קומט, איז שוין וְיָלָדוּ, האָבן זיי שוין מקיים געווען אַלע מצות ומעשים טובים וואָס די קינדער וועלן טאָן.

### לט
בשעה שמתעסקים ומשתדלים להעמיד ילדים ליהדות, מקבלים תיכף כל הזכותים שעתיד לצאת מהם

אַז מ׳גייט, מ׳איז זיך מתעסק ומשתדל, מ׳זאָל אַהערשטעלן קינדער צו אידישקייט, אַזוי ווי דער ישמח משה זאָגט (לעיל אות טז) אַז מ׳האָט די אַלע מצות ומעשים טובים [שיעשו הילדים אחר שיגדלו].

דאָס האָט מען שוין ביים מאַכן, און ביים מייסד זיין, און ביים אַהערשטעלן.

[וזהו שאמרו] בְּטֶרֶם תָּבוֹא אֲלֵהֶן הַמְיַלֶּדֶת וְיָלָדוּ.

### מ

איבערדעם האָבן זיי געענטפערט:

זאָלסט וויסן דאָס איז אַזאַ פאָלק [וואָס] זיי זענען אַזוי דבוק, זיי ׳ברענען׳ נאָך מצות ומעשים טובים[כב], מוז איך זיי נעמען צו מיר, איך זאָל זיי אַביסל אָפּקילן, פאַרקערט האָבן זיי איינגערעדט פאַר פרעה׳ן.

דאָס איז דער ששמע אליהם מלך מצרים [קושיא ט]. (עיין לעיל אות לד)

### מא
ביאור קושיא ד

איז דאָס שוין געווען אַ תירוץ אויף דעם אויבעט פאַרוואָס זיי טוען דעם וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים [שהיו מספקות להם מים ומזון].

וואָרן אונז וויל מיר זיי האָבן צו דעם צוועק [אָפּצוקילן].

אָבער דער אמת איז דאָך אָבער אַזוי געווען [שחינכו אותן בדרך ישראל סבא].

### מב
ביאור קושיא ב

## אי אפשר שיבוא ישועה לכלל ישראל אם נכשלים בעון

דאָס וואָס שטייט שתבען מלך מצרים.

אַ פלא, ס׳איז דאָ פונעם חוות דעת פון זיידן זכרונו לברכה, איז דאָ אויף די חמש מגילות אַ פירוש[כג], זאָגט דער חות דעת - אויף די מגילה, תעלומות חכמה דאַכט זיך מיר הייסט עס, ס׳איז געדרוקט אין די חומשים -.

---

[כב] **ביאור קושיא ו:** שהמילדות אמרו לפרעה שתדע כִּי חָיוֹת הֵנָּה, שמתגברים במצוות כלביא וכארי כנגד יצרם, ואתה לא תוכל לנצחם, רק אם אנו נקרר אותם.

[כג] זקינו של רבינו הגאון רבי יעקב מליסא, חיבר פירוש על חמש מגילות, ועל כל מגילה יש לו שם מיוחד, ותעלומות חכמה הוא על קהלת. הפירוש על וצומו עלי נמצא במגילת אסתר הנקרא ״מגילת סתרים״.

KolSatmar.com

אסתר המלכה האָט געזאָגט וְצוּמוּ עָלַי (אסתר ד, טז), עטץ זאָלטס פאַסטן, וואָס עפּעס צוּמוּ "עָלַי" אויף מיר?, ס׳זאָל פאַסטן דער כלל ישראל?.

זאָגט ער, [שאמרה] עטץ זאָלטס פאַר מיר מתפלל זיין [אַז] איך זאָל נישט נכשל ווערן חלילה במשכב הטמא, וואָרן טאָמער וועל איך נכשל ווערן כ׳וועל עפּעס אַ פּיהר [=שייכות] האָבן מיט אַזאַ׳ן עָוֹן, קאָן איך קיין ישועה נישט ברענגען, אַ ישועה קען נאָר דאָ קומען פאַר אידן פון אַזאָלעכן וואָס ער האָט נישט אויף זיך אַזאַ מין עָוֹן.

איבערדעם האָט זי געזאָגט עטץ זאָלטס פאַר מיר מתפלל זיין, די ישועה וועט אַנדערש נישט קומען, מ׳דאַרף מתפלל זיין אַז איך זאָל נישט אריינפאַלן אין אַזאַ׳ן עָוֹן קשה.

מג

ער [פרעה] האָט אָבער געוואוסט, ער האָט דאָך דאָ מורא געהאַט ווי איך האָב געזאָגט, ער האָט מורא געהאַט אַזוי און אַזוי און אַזוי [שיתרבה כח הקדושה], טאָמער דאָס וואָס זיי ברענגען [הילדים אצלם, אולי יגדלו אותם לקדושה].

ס׳איז דאָך בדרך נס געווען וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים.

האָט ער געוואוסט, דאָס [שיקלקלו חינוך הילדים] וועט נאָר זיין [אַז] ער זאָל זיי מטמא זיין, ממילא וועלן זיי נישט זוכה זיין צו אַזאָלעכע נסים וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים. ווען זיי וועלן נטמא ווערן וועט ער שוין נישט האָבן קיין [דאגה של] הָבָה נִתְחַכְּמָה לוֹ "פֶּן יִרְבֶּה".

ווייל וְנוֹסַף גַּם הוּא עַל שֹׂנְאֵינוּ, האָט ער דאָך נאָר געמיינט אַז ס׳וועט זיין ׳ערליכע אידן׳, אָבער ער האָט דאָך געוואוסט אַז דעמאָלטס [אם חס ושלום יתגדלו כרצונו] די וועלן אים נישט שאָטן, ס׳וועט נישט זיין נוסף על שונאינו, אדרבה פאַרקערט זיי וועלן נאָך מיטהאַלטן מיט אים, אַזוי ווי מְהָרְסַיִךְ וּמַחֲרִיבַיִךְ מִמֵּךְ יֵצֵאוּ. איבערדעם האָט ער געקלערט ער וועט זיי [המילדות] מטמא זיין.

מד

און לעולם איז טאַקע אַ קלער[כד] [=נידון וספק בשאלה כזו], צי זיי האָבן געמעגט אויכעט [לקיים רצונו], ס׳שטייט דאָך (סנהדרין עד:) אסתר קרקע עולם היתה.

[ויש שאלה] צי זיי זענען גאָר מחוייב [למסור נפשם, ותלוי] צי ס׳איז ביהרג ואל יעבור [בקרקע עולם], אַז דער מלך [מכריח לכך ויש סכנה בדבר].

מה

זיי האָבן אָבער געזען [אַז] אין דעם [שיהיו נשמרים מֵעָוֹן] איז תלוי אַלדינגס, אַזוי אַז זיי וועלן היצט נישט האָבן קיין מסירת נפש [שלא להכשל] וועלן זיי נישט קאָנען באַווייזן דאָס וואָס זיי האָבן צו באַווייזן, אויפצוהאַלטן דורות.

[ולזה משמיענו הכתוב] ס׳איז וְלֹא עָשׂוּ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר "אֲלֵיהֶן" מֶלֶךְ מִצְרָיִם שתבע אותן, זיי זענען געווען אָפּגעהיטן.

---

[כד] עיין בחידושי תורה תשי״ז ליל ש״ק פ׳ שמות.

KolSatmar.com

צו דעם ציהל, צו דער אַרבעט, אויפצושטעלן **וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים**, איז געווען [אַז] אַלץ זענען זיי געווען אָפּגעהיטן, מיט מסירת נפש און מיט אָפּגעהיטנקייט פון עבירות, מיט דעם האָט מען מציל געווען דעם כלל ישראל.

נישט חלילה אַז מ׳ווערט נמשך נאָך עבירות, און חלילה אַז מ׳איז מחטיא את הרבים, אָדער כדומה, מיט דעם זאָל מען אויפהאַלטן אידן? דאָס קען נישט זיין!.

איבערדעם זאָגט דאָס דער פסוק **וְלֹא עָשׂוּ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֲלֵיהֶן מֶלֶךְ מִצְרָיִם**, און אויף אַזאַ׳ן אופן איז געווען **וַתְּחַיֶּיןָ אֶת הַיְלָדִים**.

## מו
## ביאור קושיא ז

כוונת המחלוקה בין רב ושמואל, הוא באיזה מקום בבית המקדש יקבעו הבתי מדרשות

נאָר איך קלער, דאָס וואָס די גמרא זאָגט אַ פלוגתא צי בָּתֵּי כְּהוּנָּה אָדער מַלְכוּת, קלער איך, אפשר גאָר ליגט אין דעם אַן אַנדערע כוונה.

וואָרן די גמרא זאָגט (מגילה כט.) **עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שיקבעו בארץ ישראל**, זאָגט די גמרא אַ קל וחומר, מה־דאָך הר תבור [וכרמל] ווייל זענען נאָר געקומען צו קבלת התורה [לפי שעה], וועלן זיי זוכה זיין [אַז] לעתיד וועט מען נעמען דעם הר סיני אויפ׳ן הר תבור און מ׳וועט בויען דאָס בית המקדש, דאָרט ווידעראום [בבתי כנסיות ובתי מדרשות] איז טאַקע דאָ תורה ׳בקביעות׳, איז דאָך פשוט אַז דאָס וועט נקבע ווערן.

פון דעם קל וחומר זעט אויס אַז נישט נאָר אין ׳ארץ ישראל׳ [וכפשטות לשון הגמרא] שיקבעו בארץ ישראל, [אלא הכוונה שיקבעו ׳במקום המקדש׳], וואָרן דער קל וחומר איז דאָך פון הר תבור, און זיי וועלן זיין אויפ׳ן ׳מקום המקדש׳[כה].

קומט דאָך אויס אַז די אַלע בתי כנסיות ובתי מדרשות וועלן טאַקע קומען צום מקום המקדש, וואָרן אַז איך לערן דאָך עס אַרויס [בגמרא בקל וחומר] פון דאָרטן [תבור וכרמל], און דאָרטן שטייט דאָך [במדרש] אַז [וועגן] מ׳וועט נעמען דעם הר המוריה מיטן הר תבור וועט עס קומען אין ׳מקום המקדש׳.

אָבער דאָס איז נישט מבורר [באיזה מקום של הבית המקדש יקבעו], צי אין ׳חצר׳ צי אין ׳קדשי קדשים׳, אַזוי פּונקטליך דאָס קאָן מען נישט וויסן.

[והנה מצינו] **אֵין ישיבה בעזרה אלא למלכי בית דוד** (יומא סט:), דאָס מלכי בית דוד זענען נישט געווען קיין כהנים און לויים, זענען זיי נאָר געווען אין דער ״עזרה״, און דאָרט איז געווען זייער גרויסקייט, ס׳האָט קיינער נישט געטאָרט ׳זיצן׳ נישט קיין כהנים און נישט קיין לויים נאָר מלכים.

אָבער [לפנים ממנו, כגון] אין קדשי קדשים אינעווייניג, האָבן נישט געקאָנט קומען נאָר אַ כהן מיט אַ לוי[כו], [כגון הכהן גדול אצל] די עבודה פון יום כיפור, כהנים

---

[כה] במדרש ילקוט (ישעי׳, רמז שצא). רבי פנחס בשם רבי ראובן אמר, עתיד הקב״ה להביא סיני ותבור וכרמל ולבנות בית המקדש על גביהן, מה טעם וְהָיָה בְּאַחֲרִית הַיָּמִים נָכוֹן יִהְיֶה הַר בֵּית ה׳ בְּרֹאשׁ הֶהָרִים (ישעי׳ ב, ב). וע״ע בחידושי תורה למסיבות בדרוש לפרשת תרומה תשי״ד, ולפרשת שופטים תשט״ז.

[כו] כנראה הכוונה למשה רבינו בעצמו, וכמו שאמר שם בגמרא דסוטה דמאן דאמר בתי כהונה ולויה היינו ״אהרן ומשה״ עיי״ש. ומשה רבינו היה מותר לבא לקדשי קדשים, וכמו שדרשו (תורת כהנים אחרי פרשה א, ו) עה״פ (ויקרא טז, ב) דַּבֵּר אֶל אַהֲרֹן אָחִיךָ וְאַל יָבֹא בְכָל עֵת אֶל הַקֹּדֶשׁ, אהרן בבל יבא ואין משה בבל יבא.

KolSatmar.com

בעבודתם, ולויים בדוכנם, די עבודה האָט שוין גיקערט, מ׳האָט מקריב געווען די קרבנות, דאָס האָט שוין גיקערט [לכהנים] נאָר פאַר די כהנים.

מז

קאָן זיין די **גמרא** קלערט אַריין [בפלוגתת רב ושמואל כך], **זיי האָבן געמאַכט בָּתִּים**, אַזוי ווי ס׳שטייט אין ישמח משה, זיי האָבן געמאַכט אַזויפיל תינוקות של בית רבן, איז דאָך עס געווען אַ קדושה, ס׳איז געווען בתי מדרשים, נו דאָס איז נישט קיין קליניקייט, ס׳איז נישט געווען נאָר אין ׳מצרים׳, דאָס וועט [לכולי עלמא] קומען אויפ׳ן ׳מקום המקדש׳.

נאָר וואָס דען, זיי זענען נאָר מחולק אויף וועלעכן פּלאַץ, צי דאָרטן וואו משה ואהרן איז געקומען [בקדשי קדשים], צי דאָרטן וואו דאָס מלכות בית דוד איז געקומען [בעזרה].

דאָס איז די פלוגתא פון רב ושמואל׳ן, ״וַיַּעַשׂ לָהֶם בָּתִּים״ ער האָט זיי געמאַכט הייזער, און דאָס איז געווען פאַר די תינוקות של בית רבן, **בתי מדרשים**, פליגי רב ושמואל וואָס ס׳איז געוואָרן פון די בתים, וואָס וועט זיין פון די בתים, צי וועלן די בתים קומען אויף אַ פּלאַץ פון משה ואהרן, צי אויף אַ פּלאַץ פון מלכות בית דוד, דאָס איז שוין עפּעס אַ פלוגתא אין אַן ׳ענין׳.

זיי זענען הכל מודים אַז די אַלע דריי קומען פון זיי, נאָר אויף די ״בתים״, בתים איז דאָך טייטש דאָס [בתי מדרשות], אויף די בתים איז שוין דאָ די פלוגתא צי וועלן די בתים זיין [בעזרה או בקדשי קדשים].

מח

## סיום התורה

היוצא לנו מזה:

די אַלע בתים און די אַלע חדרים דאָס איז אַלעס מיוסד אויף דעם, דאָס ווייסט יעדערער, **היינט אַז מ׳וויל אויפהאַלטן דעם אידישקייט דאָס איז יסוד און דאָס איז דער פונדאַמענט** [להעמיד חדרים ובתי חינוך לבנים ולבנות].

ס׳זענען אַרויסגעקומען [לאַמעריקא] אין די פריעריגע יאָרן הונדערטער טויזנטער יראים ושלמים, חשוב׳ע אידן נאָך שענערע ווי דאָס דור, וואָס זיי זענען געווען בדורם געווען חשוב׳ע אידן יראים ושלמים.

בעוונינו הרבים ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט [שהדורות שלהם לא החזיקו ביהדות].

און דער ערשטער יסוד איז, ס׳איז נישט געווען קיין חינוך פאַר קינדער, נאָר [אפילו] ס׳האָט זיך אָנגעהויבן שוין שפּעטער, [היה זאת] אַ מאָדערנער חינוך פאַר אינגלעך און פאַר מיידלעך [ולכן לא נתקיימה היהדות אצלם].

נאָר האָפנטליך [בהעמדת בתי חינוך שלנו בלא פשרות], מ׳האָפט אַז דער אייבירשטער זאָל העלפן [שיתקיימו הדורות], מ׳דאַרף האָבן סייעתא דשמיא אויף אַלנפאַלס [=בכל אופן] אַזוי אויכעט, אָבער על כל פנים דאָס איז דער וועג און דאָס איז דער דרך [לקיום הדורות].

KolSatmar.com

מט

## ברכת הקודש

און דער אייבירשטער זאָל העלפן:

**מיט דעם** [שמחזקים החינוך] **איז מען קונה די אַלע מצות ומעשים טובים!**

און מיט דעם זכות, זאָל דער בורא כל עולמים העלפן, ס׳זאָל זיין טאַקע דער **וַיֵּיטֶב אֱלֹקִים לַמְיַלְּדֹת.**

הקדוש ברוך הוא זאָל געבן השפעה, ס׳זאָל זיין **וַיִּרֶב הָעָם** און **וַיַּעַצְמוּ**, מ׳זאָל זיין געזונט שטאַרק, אַז מ׳זאָל דאָס קענען דערהייבן, און מ׳זאָל עס קענען דורכפירן.

דער אמת, ס׳איז חוץ לדרך הטבע, דאָס ביסל אידן אין דעם מעמד, אין דעם מצב אין דעם שפלות, הן בגוף ובממון און אין יעדן פרט.

נאָר דער בורא כל עולמים זאָל העלפן מ׳זאָל זיך דערהאַלטן, ס׳זאָל זיין **וַיִּרֶב הָעָם, וַיֵּיטֶב אֱלֹקִים.**

**וַיַּעַצְמוּ בִּמְאֹד מְאֹד**, ס׳זאָל זיין **כִּי עָצוּם עֹשֵׂה דְּבָרוֹ**[כז], [כמאמר הפסוק (יואל ב, יא)] וַה׳ נָתַן קוֹלוֹ לִפְנֵי חֵילוֹ [כִּי רַב מְאֹד מַחֲנֵהוּ] כִּי עָצוּם עֹשֵׂה דְּבָרוֹ, דאָס שטאַרקייט.

מ׳זאָלמיר זוכה זיין וְתֶחֱזֶינָה [עֵינֵינוּ בְּשׁוּבְךָ לְצִיּוֹן], מ׳זאָלמיר זען, ווען ס׳וועט זיין עָצוּם עֹשֵׂה דְּבָרוֹ, ווען ס׳וועט זיין דאָס שטאַרקייט אויף די גאַנצע וועלט, ווען ס׳וועט זיין ביאת משיח צדקינו.

מ׳זאָלמיר זוכה זיין מקבל צו זיין [פניו] בנחת ובשמחה מיט מצות ומעשים טובים ומתוך הרחבה.

מ׳זאָל ניצול ווערן מכל צרה וצוקה.

דער אייבירשטער זאָל העלפן בלויז שפע וברכה במהרה, מיט כל מיני ישועות טובות, בהתגלות כבוד שמים עלינו במהרה בימינו אמן.

[כז] מובא לעיל (הערה ט) בדברי הישמח משה.

KolSatmar.com